בס"ד

# פרד"ס יהודה

עלון שבועי באידיש ע"י יהודה זבולון הלוי קליטניק

## פרשת בלק תשע"ה

גליון 318 [שנה ז']

וַיַּרְא בָּלָק בֶּן־צִפּוֹר אֵת כָּל־אֲשֶׁר־עָשָׂה יִשְׂרָאֵל לָאֱמֹרִי: (כ"ב ב) דארף מען פארשטיין פארוואס שטייט וַיַּרְא ער האט געזען און נישט וַיִּשְׁמַע ער האט געהערט ווייל ער האט נאר געהערט, אזוי ווי עס שטייט וַיִּשְׁמַע יִתְרוֹ (שמות יח א) און נישט וַיַּרְא יִתְרוֹ? נאר מען קען זאגן אז באמת וַיַּרְא גייט אויף דאס וואס שטייט אֲשֶׁר־עָשָׂה יִשְׂרָאֵל לָאֱמֹרִי, און וואס עס שטייט ווייטער וואס ער האט געזאגט צו בלעם וְהוּא יֹשֵׁב מִמֻּלִי, אז די אידן זענען שוין ביי זיין גרעניץ, און דאס מיינט אז די אידן האבן איינגענומען אֱמֹרִי און דאס האט ער יָא געזען, וועגן דעם שטייט וַיַּרְא. (אהבת דוד)

וַיַּרְא בָּלָק בֶּן־צִפּוֹר אֵת כָּל־אֲשֶׁר־עָשָׂה יִשְׂרָאֵל לָאֱמֹרִי: (כ"ב ב) נאך א מהלך אויפן דיוק פארוואס שטייט וַיַּרְא און נישט וַיִּשְׁמַע? נאך א דיוק פארוואס שטייט אֲשֶׁר־עָשָׂה יִשְׂרָאֵל לָאֱמֹרִי און נישט בְּנֵי יִשְׂרָאֵל? נאר די היסטארי' פון כלל ישראל אז זיי האבן מנצח געווען פעלקער האט יעדער געוואוסט און האבן געהערט, אבער בָּלָק האט געוואלט וויסן וואס איז זייער כח? האט ער געזען וואס עס שטייט ביי יעקב אֲשֶׁר לָקַחְתִּי מִיַּד הָאֱמֹרִי בְּחַרְבִּי וּבְקַשְׁתִּי: (בראשית מח כב) און די גמ' (ב"ב דף קכג.) דרשענט בְּחַרְבִּי וּבְקַשְׁתִּי מיט זיין תפילה. און יעקב איז דאך ישראל סבא, דאס האט בָּלָק געזען עָשָׂה יִשְׂרָאֵל – יעקב– און האט געזוכט א עצה ברענגען איינער וואס האט אויך א כח מיט זיין מויל, איז שוין פארענטפערט דעם וַיַּרְא און אויך פארוואס שטייט יִשְׂרָאֵל און נישט בְּנֵי יִשְׂרָאֵל. (כלי יקר)

וּבָלָק בֶּן־צִפּוֹר מֶלֶךְ לְמוֹאָב בָּעֵת הַהִוא: (כ"ב ד) דארף מען פארשטיין פארוואס שטייט מֶלֶךְ לְמוֹאָב צו מוֹאָב און נישט מֶלֶךְ מוֹאָב די קעניג פון מוֹאָב? נאך א שווערע דיוק פארוואס אין פסוק ב' ביי וַיַּרְא בָּלָק שטייט נישט בָּלָק מֶלֶךְ מוֹאָב? נאר איין קשיא פארענטפערט דער צווייטער ווייל אויף בָּעֵת הַהִוא זאגט רש"י לא היה ראוי למלכות. מנסיכי מדין היה, וכיון שמת סיחון מנוהו עליהם לצורך שעה. זעהט מען אז באמת איז בָּלָק נישט געווען דער אמתער קעניג פון מוֹאָב און נאר נאך וואס מען האט געשיקט בלק צו בלעם האט מען געדארפט זאגן ער איז א מלך וועגן חשיבות פאר בלעם. דעריבער שטייט נישט וַיַּרְא בָּלָק מֶלֶךְ מוֹאָב, ווייל ער איז דעמאלטס נישט געווארן א גערופענע קעניג און דאס מיינט מֶלֶךְ לְמוֹאָב נישט די אמתע מלך נאר א צייטווייליגע קעניג. (אור משה)

וּבָלָק בֶּן־צִפּוֹר מֶלֶךְ לְמוֹאָב בָּעֵת הַהִוא: (כ"ב ד) איז שווער פארוואס שטייט "בָּעֵת הַהִוא" אין יענע צייט, וואס איז די נפקא מינא ווען ער איז געווען קעניג? נאר באמת איז שווער א מורה'דיגע קשיא פארוואס איז געווען וַיָּגָר מוֹאָב בשעת די תורה שרייבט (דברים ב ט) אַל־תָּצַר אֶת־מוֹאָב וְאַל־תִּתְגָּר בָּם מִלְחָמָה? נאר באמת מוֹאָב וואלט נישט געדארפט מורא האבן פון כלל ישראל, אבער ווייל בָּלָק איז געווארן זייער מֶלֶךְ וואס איז געווען א אֲרַמִּי, און אלעס גייט נאך דער ראש, האט מואב מורא געהאט אז יעצט ווייל – בָּעֵת הַהִוא – איז זייער קעניג א אֲרַמִּי, זענען זיי שוין נישט גערעכנט פון מוֹאָב, און די ציווי פון אַל־תָּצַר אֶת־מוֹאָב, איז יעצט נישטא, דעריבער האבן זיי מורא געהאט. (כלי יקר)

וְעַתָּה לְכָה־נָּא אָרָה־לִּי אֶת־הָעָם הַזֶּה: (כ"ב ו) פרעגט דער הייליגער של"ה אין די פרשה איז דא א פלא'דיגע דיוק פארוואס שטייט דא לְכָה־נָּא אָרָה לִּי און אין פסוק י"א שטייט לְכָה קָבָה־לִּי אֹתוֹ? צווייטנס פארוואס שטייט לִּי צו מיר? וואלט געדארפט שטיין לְכָה־נָּא אָרָה אֶת־הָעָם? דאס צו פארענטפערן: רש"י ד"ה קָבָה שרייבט, קָבָה איז שטערקער פון אָרָה ע"ש. קען מען זאגן אז ווייל בלק איז געווען א כבוד מענטש און ער האט פארשטאנען אז מען דארף מלחמה האלטן מיט העכערע כחות צו מנצח זיין כלל ישראל, אבער אויב בלעם וועט שעלטן די אידן וועט דאך די גאנצע כבוד גיין צו בלעם, און בלק האט דאך געוואלט האבן די כבוד אז ער האט מנצח געווען די אידן, דעריבער האט ער געבעטן אין אנפאנג אָרָה מאך די אידן שוואכער און אזוי וועט זיי בלק קענען ענדיגן, און האבן זיין כבוד, דאס מיינט אָרָה "לִּי", איך זאל האבן די כבוד, אבער ווען בלק האט געזעהן אז עס גייט נישט אזוי ווי ער וויל, האט ער געזאגט זאל זיין קָבָה "לִּי" און מען זאל מנצח זיין די אידן, האט דאך בלעם פארשטאנען אז בלק וויל אויך האבן די כבוד האט ער נישט געוואלט אז בלק זאל האבן די כבוד נאר ער– בלעם – זאל האבן די כבוד, און ווען בלק האט געזעהן אז קיין כבוד וועט ער נישט באקומען, האט ער געזאגט כִּי־כַבֵּד אֲכַבֶּדְךָ מְאֹד זאל די גאנצע כבוד גיין צו דיר, דער עיקר מען זאל מנצח זיין די אידן. האט בלעם דא שוין מודה געווען אז עס האט נישט מיט כבוד, נאר אלעס איז תלוי אין רצון ה'. (בית פינחס הורוויץ)

וַיֹּאמֶר אֱלֹהִים אֶל־בִּלְעָם לֹא תֵלֵךְ עִמָּהֶם לֹא תָאֹר אֶת־הָעָם כִּי בָרוּךְ הוּא: (כ"ב י"ב) זאגט רש"י "אם כן אברכם אמר לו אינכם צריכים לברכתך כי ברוך הוא" הר' אפרים באליטי פרעגט אין זיין ספר חמודי אפרים: ביי לבן שטייט הִשָּׁמֶר לְךָ פֶּן־תְּדַבֵּר עִם־יַעֲקֹב מִטּוֹב עַד־רָע: (בראשית ל"א כ"ט) זאגט רש"י. "כל טובתן של רשעים רעה היא אצל הצדיקים" ווייל די טובה פון א רשע מיינט שלעכטס, דארף מען פארשטיין פארוואס זאגט נישט רש"י ביי בלעם, זאלסט נישט בענטשן ווייל דיין ברכה איז נאר א רעה? נאר מען וואלט געקענט מחלק זיין צווישן רעדן און בענטשן, ווייל מיר טרעפן אין גמ' אז דער אויבערשטער האט געבעטן, ישמעאל בני ברכני, ווייל "אל תהי ברכת הדיוט קלה בעיניך" (ברכות ו'.) זעט מען אז יעדע ברכה איז גוט ממילא ביי א ברכה איז נישט שייך קיין שלעכט וועגן דעם קען רש"י נישט טייטשן בענטש נישט די אידן וועגן טובתן של רשעים איז רעה, מה שאין כן ביי א דיבור פון א רשע איז דאך זיין כוונה נאר אויף שלעכטס, דעריבער טייטש דארטן רש"י טובתן של רשעים רעה אצל צדיקים. (שמח זבולון)

וַיִּזְבַּח בָּלָק בָּקָר וָצֹאן וַיְשַׁלַּח לְבִלְעָם וְלַשָּׂרִים אֲשֶׁר אִתּוֹ: (כ"ב מ) זאגט רש"י דיבר מועט בקר אחד וצאן אחד בלבד (במדבר רבה י"ז) פרעגט דער חמודי אפרים אז עס איז דא לכאורה א סתירה אין רש"י ווייל דארטן שטייט (בראשית ל"ב ו) וַיְהִי־לִי שׁוֹר וַחֲמוֹר צֹאן וְעֶבֶד, זאגט רש"י שׁוֹר וַחֲמוֹר דרך ארץ לומר על שוורים הרבה שור, זעט מען אז שור מיינט אסאך, אויב אזוי פארוואס דא זאגט רש"י אז שור מיינט אחד– איינס? נאר מען קען פארענטפערן לויט וואס דער שפתי חכמים זאגט ווייל עס שטייט פריערט אז בלק האט געזאגט כִּי־כַבֵּד אֲכַבֶּדְךָ מְאֹד וְכֹל אֲשֶׁר־תֹּאמַר אֵלַי אֶעֱשֶׂה מיינט ער וועט שיקן אסאך, פארוואס דארף די תורה זאגן ער האט געשיקט נאר בקר וצאן, איז א ראיה אז צאן מיינט נאר איינס, ווייל בלק האט צוגעזאגט אסאך און געגעבן ווייניג. אבער באמת ווען עס שטייט שׁוֹר מיינט דאס אסאך. (חמודי אפרים באליטי)

ודורשי ה' לא יחסרו כל טוב: זאגט דער הייליגער מגיד ממעזריטש א איד וואס זוכט דעם אויבערשטן דהיינו א עובד ה', לא יחסרו, אים פעלט גארנישט, ווייל כל טוב, אלעס זעט ער איז גוט.

# מדור העובדות

## **** רבי ר' זושא האט געמאכט א עני ואביון פאר א גביר און איז געווארן א גרויסער בעל צדקה ****

איינמאל איז אויסגעקומען אז צוויי גרויסע צדיקים הרה"ק ר' נפתלי מליזענסק א אייניקל פון רבי ר' אלימלך, און הרה"ק ר' נפתלי מראפשיץ זענען געגאנגען שאפן געלט פאר נצרכים, זיי זענען געגאנגען פון הויז צו הויז קלייבן א פרוטה צו א פרוטה. ר' נפתלי מליזענסק האט זיך אנגערופן אז אזא וועג וועט מען נישט קענען שאפן אסאך געלט! האט דער ראפשיצער געזאגט אז דער אויבערשטער וועט באלד שיקן א ישועה און זיי באמערקן א חשובע קארעטע קומט זיי אנקעגן. רופט זיך אן דער הייליגער ראפשיצער "דא קומט דער גרויסער גביר ר' יוסף און ער וועט עפענען זיין טאש און אונז געבן וויפיל מיר וועלן דארפן. און עס זעט אויס אז פון הימל האט מען אנגענומען זיינע תפלות."

ווען דער וואגן האט זיך אפגעשטעלט, איז ארויסגעקומען א מכובד'יגר איד און זאגט אז ער הייסט יוסף און גיט שלום פאר די צדיקים. און ער זאגט פאר די צדיקים דא האט איר מיין טאש און נעמט וויפיל איר דארפט! ר' נפתלי מליזענסק האט זיך אנגערופן ממילא אז א מענטש גיט מעשר אדער א חומש האב איך געהערט, אבער אלעס צו געבן האב איך נאך נישט געהערט, ווער ווייסט צו דאס איז כשר געלט? האט ר' יוסף געזאגט אז די געלט וואס ער האט אין טאש איז א קליין פראצענט וואס ער פארמאגט און נישט מעשר, און זאגט אויב איר האט מורא, זאלט איר וויסן אז מיין געלט איז ריין פארדינט פון א הייליגן מקור, און זיי קענען נעמען אפילו די גאנצע טאש! און ער זאגט אויב איר גלויבט מיר נישט קומט מיט מיר וועל איך אייך וויזן וואס איך פארמאג, און איך וועל אייך אויך דערציילן מיין מעשה. זיי זענען ארויף אויפן וואגן און געפארן, און ר' יוסף וויזט זיי זיינע פעלדער און וועלדער וואס ער פארמאגט.

ער נעמט צו דערציילן ווי אזוי ער האט זוכה געווען צו אזא עשירות: אמאל האט מען אים גערופן יוסף דער בייגל פארקויפער. זיין ווייב האט געבאקן די בייגל און ער האט דאס פארקויפט, אבער די פארדינסט איז געווען זייער קליין און אזוי האט ער זיך געמוטשעט פון איין פרנסה צו א צווייטע אבער עס האט גארנישט געהאלפן, ביז די ארעמקייט איז געווען אזוי שטארק אז אין ווינטער האבן זיי געהאט נאר איין מאנטל און ווען איינער פון זיי האט געדארפט גיין אין גאס איז דער אנדערער געבליבן אין דערהיים.

די ארעמקייט איז געווען גרויס אבער זיי האבן נישט אויפגעהערט צו מתפלל זיין און האבן בטחון אין אויבערשטן. איינמאל ווען זיי האבן געענדיגט זאגן תהלים איז געקומען צו זיי א ידיעה אז דער הייליגער רבי ר' זושא איז אנגעקומען ביי זיי אין שטאט. ער האט נישט געהאט חשק צו גיין וויל דער רבי וועט איהם נישט קענען העלפן מיט געלט, וויל ער אליין איז געווען א ארימאן. האט זיין ווייב אים געשטופט און געזאגט אז א ברכה פון א צדיק איז ווערט מער פון געלט! ר' יוסף האט איר געפאלגט און איז געגאנגען צום רבין. ווען ער איז אנגעקומען האט ער געזען ווי הונדערטער מענטשן ווארטן און שטופן זיך ארייצוגיין צום צדיק.

ער איז געווען זייער אויסגעדארט און געהאט צו טאן מיט די פיס האט ער נישט געוואלט זיך שטופן וועגן מורא פון זיין געזונט, און דעריבער איז ער געבליבן אינדרויסן און האט געווארט ביז עס וועט ווערן ליידיג. אבער ווען עס איז אריבער א לענגערע צייט און א גרויסער עולם איז נאך געבליבן האט ער זיך שוין מייאש געווען פון ארייצוגיין צום רבין, ווען פלוצלונג הערט מען אז דער גבאי רופט אויס אז דער רבי רופט אריין ר' יוסף וואס שטייט אינדרויסן, ר' יוסף איז געווען זיכער אז נישט איהם מיינט מען! דערוויל זענען אריין אלע וואס הייסן ר' יוסף און דער רבי זאגט פאר יעדן "יוסף ה' עליכם, א ברכה זאל זיין אויף אייער קאפ, אבער נישט אייך האב איך גערופן" ביז אלע מענטשן וואס הייסן יוסף זענען אריינגעגאנגען, האט דער גבאי געפרעגט צו עס איז נאך דא נאך א ר' יוסף? האט ער געזאגט אז ער הייסט יוסף און מען האט געמאכט פלאץ אז ער זאל גרינגערהייט אריינגיין צום רבין.

ווען ר' זושא האט איהם געזען האט ער איהם זייער ווארעם אויפגענומען מיט א ברייטן שלום עליכם און מחזק געווען און געפרעגט וואס איז זיין פרנסה? האט ר' יוסף געזאגט אז ער האט נישט קיין פרנסה! האט דער רבי געזאגט צו זיין גבאי ער זאל ברענגען די קריגל פון מעד -א האניג טרונק- ר' זושא האט אנגעגאסן צוויי כוסות און געהייסן ר' יוסף טרינקען דעם גאנצן כוס. ווען ר' יוסף האט געענדיגט, האט דער רבי געטרונקען לחיים מיט אים און שטארק אנגעוואונטשן. און דער רבי פרעגט אים צו ער האט עפעס א כלי אין שטוב וואס ער קען דארטן האלטן זיין געלט? האט ר' יוסף געזאגט אז זיי האבן אלעס פארקויפט, ביז ער האט זיך דערמאנט און זאגט אז ער האט נאך א קליין קאסטן וואס ער פלעגט האלטן דארטן זיין געלט!

נעמט ארויס ר' זושא דריי זילבערנע מטבעות וואס מען האט דאס גערופן "צוואנציגער" און זיי געגעבן פאר ר' יוסף און געזאגט "גיי אהיים און לייג די דריי מטבעות אין דיין קאסטן און דער אויבערשטער וועט דיר העלפן און פון דעם וועט ער דיר שיקן א גרויסע שפע פון געלט, אז פון היינט אן וועט דיר קיינמאל נישט פעלן קיין געלט. ווען דו וועסט ארייגלייגן דיין האנט אין קאסטן וועסטו טרעפן דארטן וויפיל געלט דו וועסט דארפן! און אזוי איז געווען. ווען ער האט געדארפט געלט האט ער אריינגעלייגט זיין האנט אין קאסטן און געטראפן וויפיל ער האט געדארפט! דער הייליגער ר' זושא האט געמאכט מיין טייסטער זאל זיין א קוואל פון געלט.

רופט זיך אן ר' יוסף צו די צוויי צדיקים איך בין געווען יוסף דער בייגל פארקויפער און א גרויסער ארימאן און די ברכה פון צדיק האט גלייך געווירקט און די שפע האט זיך אנגעהויבן. און עס האט אנגעהויבן איין געשעפט און נאך א געשעפט. ממילא האב איך גענוג געלט אייך צו געבן און דער מקור איז פון הייליגן צדיק ר' זושא זיע"א. די צדיקים האבן מסכים געווען צו נעמען די געלט פון ר' יוסף און די תפילות פון הייליגן ראפשיצער איז אנגענומען געווארן און האבן געהאט גענוג געלט פאר די נצרכים.


נישט קוקן אין דעם חלק במשך השבת קודש: *הוצא לאור ע"י "עולם הספרים" המרכז העולמי לספרים שאינם בנמצא ולספרים עתיקים וכתבי יד- צו פארקויפן-*

תהלים בן ביתי סגולה לכל דבר 1800$. ספר ברית מנוחה דפוס בארדיטשוב בדוק ומנוסה לשמירה משריפה 20000$, ספר באלאנגט צום חסד לאברהם פון ראדאמסק און זיינע קינדער און איידעם 8000$. ספר הגדה עפ"י חסידות, לימודים בניסים דפוס ראשון נדיר 5000$, הספד 24 דפים בכת"י של התפארת ישראל על החת"ם סופר 34000$, ספר קהלת דוד טאלנא




דפוס ראשון, חמש מחזורים כרך א' ספרד נדפס בזיטאמיר, א נישכיזער תהלים מיוחד לשמירה וסגולה. סידור של"ה דפוס זיטאמיר תרכ"ו חסר שער, ספר נועם אלימלך לבוב תר"ט, דברי דוד טשארטקוב דפוס ראשון, אלפא ביתא נאדבורנא דפוס זיטאמיר נדיר, ספר הרוקח ונכרך עם מוסר השכל על הרמב"ם דפוס זיטאמיר, ספר הק' אור החיים דפוס ראשון נחלק לפרשיות תרומה עד צו, ספר שו"ת יהודה יעלה פון מהר"י אסאד מיט פיל הגהות פון הרה"ג ר' עמרם ראזענבערג אב"ד ראצפערט. ספר אור הגנוז מאניפולי מצב מפואר ספר מיוחד לשמירה 3000$, שמירה מטבע פון הר' כדורי 2000$, שארית ישראל ווילעדניק דפוס ראשון שייך לאדמו"ר מווילייקא קוידנויב 3000$, ספר תניא דפוס ווילנא תר"ס 600$, א שיינע סעט היכל הברכה קאמארנא שנת תש"י. מיט די פושקע און פאפירינע דעקלאך # 258. א סעט קאמארנע משניות אמרקאי, ספר באלאנגט צו הרה"ק ר' אברהם יוסף גרינוואלד. בריוו פון אדמו"ר בוהוש זצ"ל מא"י, ר' זוסיא טשערנאביל זצ"ל מא"י ועוד אדמור"י טשערנאביל. א בריוו פון הר' ישראל אדעססער מנהיג ברעסלאו אודות מצבו הירוד. בריוו פון הרה"ק ר' ירחמיאל משה מקאזניץ שווער פון בעל חובת התלמידים. ר' נחום מרדכי בהרה"ק ר' ישראל מטשורטקוב 1600$, הרה"ק ר' ישראל שפירא מגראדזיסק חתן ר' אשר מסטאלין 2000$. הר"ר יצחק צבי לעבאוויטש אב"ד טשאפ און א רשימה פון זיין קהילה. בריוו פון חלקת יהושע ביאלא, ר' ישראל מבלאזוב, א מענה לשון האט באלאנגט צו מקובל פון רעננה ר' יצחק הוברמן. ספר שלחן הטהור להרה"ק ר' אהרן ראטה זצוק"ל דפוס ראשון נדיר.

*די קומענדיגע 8 וואכן וועט עס וויל באקומען די פרדס קען מען קומען נעמען פון דארערשטיג אין עולם הספרים*

4403 16 Ave Brooklyn, NY 11204 USA 718 438 8414 718 633 5500 T/f Hours are 11-7:00 Fri till 1 to recieve pardes: לקבל הגליון seforim@gmail.com